# מיט א טיפערן בליק
# פרשת שלח תשפ"א
# פון וואס האסטו מורא?

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

אין די וואכעדיגע פרשה שפילט זיך אָפּ א דראמאטישע און טרויעריגע געשעעניש אין די היסטאריע פון כלל ישראל. די אידן שיקן מרגלים זאלן אויסשפיאנירן ארץ ישראל, נאכדעם וואס דער באשעפער האט זיי געגעבן ערלויבעניש דערצו. די מרגלים קומען צוריק אז ארץ כנען איז א גוט לאנד מיט געשמאקע גרויסע פירות, אבער ס'איז זייער א שרעקעדיגע פאָלק צו באזיגן. כלל ישראל האט אָנגעהויבן צו וויינען אז זיי ווילן נישט אריינגיין אין ארץ ישראל, און די ענדע פון די מעשה האט זיך ווי באקאנט ליידער נישט גוט אויסגעלאזט.

רש"י זאגט אונז אויפ'ן פסוק **כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה** (פרק יג פסוק ג): כלם אנשים - כל אנשים שבמקרא לשון חשיבות ואותה שעה כשרים היו – דער פסוק און חז"ל זענען מֵעיד אז מען רעדט דא פון די חשוב'סטע אידן, וועלכע זענען באמת געווען ערליך ביים ארויסגיין אויף זייער שליחות. דארף מען זיך פארטיפן מיט די פשוט'ע פראגע: וואס האט דא פאסירט? בפרט ווי מיר ווייסן אז דאס עצם גיין איז דאָך נישט געווען קעגן דעם רצון ה', דעמאלט פארוואס און ווי אזוי איז ארויסגעקומען די שרעקליכע טעות וואס די מרגלים האבן געמאכט?!

בכלל דארף מען פארשטיין דעם  זינד פון די מרגלים. די אלע שלעכטס וואס זיי האבן גערעדט אויפ'ן לאנד ווען זיי זענען צוריק געקומען פון ארץ ישראל זענען דאָך געווען אמת'ע זאַכן. מיר געפינען ווען משה רבינו אליין זאגט פאר כלל ישראל אז זיי וועלן ארויף גיין קיין ארץ ישראל זאגט ער זיי אויך (דברים ט): **שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתָּה עֹבֵר וגו' אֶת הַיַּרְדֵּן לָבֹא לָרֶשֶׁת גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמֶּךָּ עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצֻרֹת בַּשָּׁמָיִם** - "הערט צו אידן, איר גייט יעצט אריבער דעם ירדן צו פארטרייבן פעלקער וואס זענען גרעסער און שטערקער ווי אייך, גרויסע באפעסטיגטע שטעט ביז'ן הימל." זעט מען דאך אז משה רבינו האט אויך געזאגט די זעלבע זאכן, פארוואס דווקא ביי די מרגלים איז ארויסגעקומען פון דעם די בכיה לדורות?

נאך מער, לאמיר לערנען אביסל ווייטער וואס די תורה הק' דערציילט אונז אין עטליכע פסוקים וואס איז פארגעקומען דעמאלטס אינמיטן די גאנצע צומישעניש וואס האט געהערשט ביי כלל ישראל, וִיהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן וְכָלֵב בֶּן יְפֻנֶּה... קָרְעוּ בִּגְדֵיהֶם, יהושע בן נון און כלב האלטן עס נישט אויס און זיי צורייסן זייערע קליידער, און זיי זאגן פאר די אידישע קינדער **"טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד - די לאנד וואס מיר האבן אויסשפיאנירט איז זייער זייער גוט"**, און זיי בארואיגן די אידן אז עס איז א אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ, און אז השי"ת וויל עס אונז געבן וועט ער עס געבן, און מיר דארפן בכלל נישט מורא האבן פון די גיבורים און די ריזן וואס געפונען זיך דארט. אבער די אידן זענען געווען גאר ברוגז אויף יהושע און כלב, וַיֹּאמְרוּ כָּל הָעֵדָה לִרְגּוֹם אֹתָם בָּאֲבָנִים, דער עולם האט זיי פשוט געוואלט באַווארפן מיט שטיינער, און דאן האט פאסירט "וּכְבוֹד ה' נִרְאָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד אֶל כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" דער אייבישטער האט זיך באוויזן, די כבוד ה' האט געקענט געזען ווערן דורך גאנץ כלל ישראל ביים משכן.

ווי נאר מען לערנט די פסוקים פרעגט זיך עטליכע נקודות: א. ווי באקאנט און ווי פריער דערמאנט זענען דאך אלע געווען אנשים כשרים געגאנגען מיטן זעלבן ציל, און אלע האבן דאָך געקוקט מיט די זעלבע אויגן, נו אויב אזוי פרעגט זיך פארוואס זענען זיי צוריק געקומען מיט אזא שלעכטע בליק, און וואס האט טאקע געגעבן פאר יהושע און כלב די שטארקייט און קלארקייט אויפצושטיין אקעגן די רוב און זיך אננעמען פארן כבוד ה'? ב. פארוואס האט די פאלק זיי געוואלט באשטיינערן אויף דאס וואס זיי האבן געזאגט, און וואס ליגט אין דעם אז די כבוד ה' נראה באהל מועד?

אוודאי האבן מיר נישט קיין שום השגה אין די אומגעהויערע טיפע ענינים, ווי ס'שטייט אין די מפרשים און אין ספרים הקדושים פארשידענע גרויסע זאכן וואס דארט האט זיך אויסגעשפילט און וואס עס איז געווען די כוונה פון די מרגלים לשם שמים, בפרט אז מען רעדט פון די הייליגע דור דעה. וואס מיר שמועסן איז אלעס א שטיקל מוסר השכל לויט אונזער קליינע שכל און פאר אונזער קליינע דַרגה, מיטן איינציגן ציל בעזר ה' ארויסצונעמען די ריכטיגע חיזוק און הדרכה פאר'ן טאג טעגליכן לעבן.

אנצופאנגן אונזער שמועס איז כדאי זיך ריכטיג צו פארטיפן און ריכטיג אפלערנען א הייליג ווארט וואס הרה"ק רבי שמואל פון סאכאטשוב זי"ע ברענגט עטליכע מאל אין זיין ספר שם משמואל, אז דער יוד הקדוש פון פרשיסחא זי"ע האט אמאל געפרעגט פון זיין תלמיד דער רבי רבי בונם זי"ע (וועלכער פלעגט האַנדלן מיט האלץ אינעם דאַנציגער מאַרק), וואס האט ער עפעס געהערט א חידוש אין דאַנציג צווישן די סוחרים?. האט דער רבי רבי בונם געענטפערט אז ער האט געהערט פון די דארטיגע סוחרים א געוואַלדיגע ווארט: **"אז מ'פאַרלירט געלט, דאס איז גארנישט, אבער אז מ'פאַרלירט די קוראַזש דאס איז אלעס פארלוירן!"**... און פון דעם האט דער ר"ר בונם ארויסגענומען א לימוד אין עבודת השי"ת אז א איד דארף אכטונג געבן נישט צו פאלן ביי זיך און נישט צו פארלירן זיין מוּט און שטארקייט ח"ו, ווייל אויב יא וועט ער ח"ו זיין אינגאנצן א פאַרפאַלענער.

יעדער פארשטייט די כוונה דערפון, אז א יוד טאר קיינמאל נישט פארלירן די קוראזש און שטארקייט, דער איד דארף כסדר זיך באנייען און אנפילן מיט האפענונג און קוראזש אז ער קען שטייגן און אנקומען ווייט, און ער טאר זיך נישט דערשרעקן און צוריקהאלטן וועגן זייטיגע סיבות וכדומה. אבער באמת, אז מען טראכט אריין וועלן מיר גאנץ שנעל באמערקן אז מיר זענען כסדר גרייט 'צו רעדן' פון קוראזש, מיר שמועסן און הערן כסדר איבער די פילע כוחות וואס מיר פארמאגן, און בתוכם די שטארקייט וואס פעלט זיך אויס עס צו ברענגן מכח אל הפועל, און פארשידענע עצות און הוראות ווי אזוי א מענטש דארף זיך שטארקן און זיך מחזק זיין, מיר האבן גאנצע אוצרות פון רייד און ידיעות בנוגע קוראזש. און איבריג צו זאגן אז ווען ס'קומט צו רעדן וויפיל קוראזש 'יענער' דארף האבן, אין דעם זענען מיר ממש גאר געלונגענע מבינים, מיר ווייסן קלאר און פונקטליך ווען יענער וואלט געדארפט זיין שטערקער, און ווי אזוי פלוני וואלט זיך געדארפט מחזק זיין אין זיין מצב. אבער פון אזויפיל רעדן באמערקט מען פשוט נישט אז אמת'ע קוראזש ענדיגט זיך נישט ביים רעדן, מ'דארף טון הלכה למעשה, מ'דארף זיך אנגאַרטלן מיט קוראזש און אריינשפרינגן אין געוויסע זאכן וואס זענען בכלל נישט גרינג און באקוועם. די אמת'ע קוראזש קומט נאר ארויס אויב דער מענטש איז גרייט זיך איינצושטעלן, צו נעמען דעם RISK און ווייסן אפשר וועט עס נישט געלונגען, אפשר וועל איך ח"ו אדורכפאלן, אבער פראבירן דארף מען נאך אלס, אט דאס הייסט אז מ'האט קוראזש און מ'נעמט די שטארקייט 'צו טוען' דאס וואס מען דארף.

א מענטש דארף דאס קלאר אנערקענען אז 'ארויסהאבן די נושא' פון קוראזש איז ווייט פון 'טאקע' האבן קוראזש און שטארקייט, צו פארמאגן קורזאש אין מוח איז גאר גרינג און געשמאק, אבער ס'איז אפילו נישט נאנט צום מציאות פון עכטע קוראזש, ווייל ס'איז אלעס נאר אין די עולם המחשבה אדער ווי אנדערע רופן עס עולם הדמיון, איינער וואס אין זיין חלום קען שטיין פאָרנט פון א גרויסע בער און מלחמה האלטן מיט אים, מיינט בכלל נישט אז ער קען באמת מלחמה האלטן מיט א פיזישע בער, די צוויי בערן זעען אפשר אויס ענדליך, אבער במציאות האבן זיי בכלל נישט קיין שייכות. דאס זעלבע איז מיט אונזערע כוחות הנפש און שטארקייט, דאס אז מיר וויסן עס 'אין טעאָריע' האט גארנישט קיין שייכות מיט'ן מציאות, און ווען מ'וועקט זיך אויף פון שלאָף און ס'קומט צו טוען למעשה, דעמאלטס שטעלט זיך ארויס אויב מ'פארמאָגט די כוחות אדער נישט. אמת'ע קוראזש פאנגט זיך נאר אָן ווען דער איד לאזט זיך אין וועג אריין, ווען ער געבט א שפרינג, כאטש ס'איז גאנץ קלאר אז דער וועג איז א לאנגע און א שווערע פיל מיט נסיונות, עליות און ירידות, אבער דאָך איז ער גרייט איינצושטעלן, ער שפרינגט אריין און וועט טוען וואס ס'פעלט זיך אויס מצליח צו זיין, גרינג אדער שווער, דאס הייסט קוראזש.

און דא דארף טאקע ארויסגעברענגט ווערן א וויכטיגע נקודה, עס האט אמאל געזאגט א גרויסע מחנך, מיר זענען געוואוינט צו שמועסן און רעדן אסאך צו אונזערע קינדער ווי שטארק מען דארף זיין, ווי וויכטיג ס'איז צו האבן די קוראזש און מוט צו טון די ריכטיגע זאך. אבער ס'איז זייער זעלטן אז מיר זאלן שמועסן מיט די קינדער איבער די 'דורכפעלער' און שטיינער וואס ערווארט אונז אינמיטן וועג, מיר לייגן א שטארקע דָגוש נאר אינעם ארויסהייבן די הצלחה און מעלות פון שטייגן און ווי גוט און געשמאק ס'איז, אבער אין די זעלבע צייט ווען מיר נישט גענוג מדגיש זיין אז ס'איז א שווערע ארבעט, ס'מוז נישט אייביג געלונגען, מ'גייט אדורך פארשידענע שטרויכלונגען און שוועריגקייטן, און ס'איז גארנישט שלעכט דערמיט. אדרבה, מטֶבע הדברים וועלן עלטערן אלעמאל פראבירן צו 'באַוואָרענען' די קינדער אז זיי זאלן נישט אדורכגיין די מינדנסטע שוועריגקייט אדער אומבאקוועמליכקייט, מיר זאגן זיי כסדר אויף טריט און שריט: שעפעלע, גיב אכטונג, גיי נישט דא, קוק נישט אהין, טו נישט דאס, טו נישט יענץ, וואס גייסטו טון, וואס וועט זיין, און אזוי ווייטער, מיר זאגן אים "האב קוראזש" ווען צו די זעלבע צייט זאגן מיר אים "טו נישט עפעס וואס איז איינגעשטעלט, שפרינג נישט". אבער דעמאלטס בלייבט איבער די שאלה, וואו דארף מען דעם 'קורזאש' אויב נישט ביי דעם פלאץ וואס איז איינגעשטעלט און שרעקעדיג...

אויב ווילן מיר זיך אָנפילן מיט קוראזש, און אויב ווילן מיר אז אונזערע קינדער זאלן זיין געבויעט מיט שטארקייט, דארפן מיר אויסלערנען זיך און אונזערע קינדער צו זיין גרייט אריבער צו גיין די שוועריגקייטן וואס קומט מיט שטייגן און הצלחה, צו זיין גרייט צו שפירן פארלוירן און צומישט ביים אנקומען אויף א נייע ארט, אדער א נייע מצב, און ס'איז גארנישט געשען, עס איז נישט עק וועלט אויב מ'פאלט אדורך, מ'שטארקט זיך און מ'הייבט זיך אויף און מ'גייט ווייטער. ווייל יעדעס מאל וואס דער מענטש נעמט קוראזש און געבט א שפרינג, איז פארהאן א צד פון נישט מצליח זיין, און מיט דעם אלעמען דארפן מיר עס טון. מיר פארגעסן צו זאגן **"אז שטייגן קומט מיט א שווערע פרייז, פון אומבאקוועמליכקייטן, פון שפלות, פון זיך ארויסשטעלן און זיין גרייט צו כאַפּן בושות, צו קעמפן און מלחמה האלטן, אדער זיך אריינלייגן אין פרישע פראבלעמען. נאר וואס דען, צו זיין א מוצלח דארף מען זיין גרייט צו נעמען דעם ריזיקע."**

אבער באמת איז דאס נאך טיפער ווי דעם. דער אמת'ער מוצלח ווייסט אז דאס עצם שפרינגען, דאס עצם פרובירן, דאס איז טאקע מיין הצלחה, און דערפאר האט ער נישט קיין פחד פון א דורכפאל. מען זעט אמאל אז אפילו די גרעסטע סוקסעספולע מענטשן קענען אונטערנעמען א פראיעקט, זיי גייען אריין מיט א פעסטן שטארקייט, און... מען פאַלט דורך. אויב האַנדלט זיך פון אַן אמת'ער שטארקער און אויסגעבויטער מענטש, וועט ער זיך קורצליך דערנאך אויפהייבן און אָנפאַנגען פריש. א טאג שפעטער וועט ער שוין ווייטער ארומלויפן זוכן א נייע זאַך אויפצוטאן, ווייל ער פארשטייט **"אז די גרעסטע דורכפאל איז איינער וואס טוט גארנישט צוליב פחד פון דורכפאלן, און די גרעסטע הצלחה איז איינער וואס פרובירט מיט א שטארקייט און זיכערקייט אויסצופירן זיינע שאיפות".**

און ווי מען זאגט איבער פון הרב ר' נח וויינבערג זצ"ל אז ביי אסאך מצבים אין לעבן ווען ס'איז שווער זיך אויפצושטעלן און מאכן א החלטה אדער נעמען אחריות אויף א געוויסע זאך, איז פארהאן אזעלכע מענטשן וואס וועלן נעמען דעם גרינגן וועג ארויס און זאגן אז אין דעם געוויסן ענין "האב איך נישט קיין מיינונג, איך האב נישט מחליט געווען" וכדומה, און זיי וועלן לאזן די זאך ווייטער לויפן אזוי ווי ס'איז וויבאלד זיי האבן נישט גענומען קיין צַד אדער א מיינונג ווי אזוי זיך צו פירן, פלעגט ר' נח זאגן, "נישט מאכן א החלטה איז אויך אן החלטה! דו האסט מחליט געווען נישט צו טוען". און דאס איז א פשוט'ע פאקט, עס איז בלויז א קלאסישע וועג פון זיך ארויסדרייען פון נעמען דעם איינשטעל, און דעריבער הייבט מען אָן צו זינגען א ניגון פון "לאָז געמאכט, ס'איז גוט אזוי, זאבן פארן לאז ווייטער פארן ווי ס'איז", און צומאל ווארפט מען נאך אפילו אריין מאמרי חז"ל ווי שב ואל תעשה עדיף, און ס'קען זיך דאַכטן אז דאס איז באמת די ריכטיגע וועג זיך צו פירן, אבער אין טיפן הארצן ווייסן מיר גאנץ קלאר אז מיר טוען נישט פשוט ווייל מיר האבן געמאכט דעם החלטה נישט צו טוען, מיר זענען צו שטארק באקוועם אין עפעס א קליינע באקסל און דער מענטש איז בוחר זיך נישט צו רוקן פון פלאץ, ער נעמט נישט קוראזש אריינצושפרינגען און צו ריזיקירן, מיר האבן פשוט צו שטארק מורא פון אדורך פאלן, אדער פון די שוועריגקייטן וואס זענען אויפן וועג, און דעריבער איז ער נישט מחליט.

אט די הייליגע נסיעה האבן די אידישע קינדער אונטער גענומען אינעם מדבר ווי מיר האבן געשמועסט לעצטע וואך, ווען כלל ישראל האט זיך ארויסגעלאזט אין דעם **עַל פִּי ה' יִסְעוּ - וְעַל פִּי ה' יַחֲנוּ** נסיעה, האט דאס גענומען קוראזש ווייל דער איד האט נישט געוואוסט וואס ווען און וואו, נאר זיך אינגאנצן ארויף געווארפן אויף אבינו שבשמים און דאס איז קוראזש בעצם, דאס איז אמת'ע שטארקייט, ווייל זיי האבן נישט די מינדנסטע ידיעה וואו אהין מען גייט גיין און ווען מען וועט רוען, זיי האבן אבער פארמאגט די אמת'ע שטארקייט און קוראזש זיך צו פארלאזן אויף השי"ת, און ווי מיר דערמאנען דאס מיט דעם **כֹּה אָמַר ה' זָכַרְתִּי לָךְ חֶסֶד נְעוּרַיִךְ אַהֲבַת כְּלוּלֹתָיִךְ לֶכְתֵּךְ אַחֲרַי בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ לֹא זְרוּעָה.**

און באמת איז איעדע פון אונז כסדר אויף דעם הייליגע נסיעה, ווי מיר האבן געשמועסט אז איעדע איד גייט אריבער זיינע מ"ב מסעות און דער נסיעה פון לעבן פארלאנגט זיך כסדר שטארקייט, ס'פארלאנגט כסדר אמת'ע קוראזש און מסירת נפש, ס'פארלאנגט כסדר אז מיר זאלן זיין גרייט צו קעמפן און אדורך פאלן און נישט נתפעל צו ווערן, און ווען מיר טרעפן זיך אויף א פלאץ וואס איז באמת שרעקעדיג און אומבאקוועם שפרינגט דער איד אריין!

און אז מ'רעדט פון רוחניות דארף דער חשבון זיין גאר פשוט, ווייל די מלחמה אליין איז אויך א טייל פון די עבודת השי"ת, די אלע שוועריגקייטן און שטיינער אויפן וועגן, יעדע נפילה און ירידה איז אלעס א טייל פון די תכלית, ס'איז נישט בלויז א זייטיגע מכשול אויפן וועג צום שלימות, נאר דאס גופא איז אלעס א חלק פון אונזער עבודה, דער רבונו של עולם האט אונז געגעבן א תפקיד אויף די וועלט איהם צו דינען און מלחמה צו האלטן מיט'ן יצר הרע, אויב אזוי איז אלעס א טייל

פון די נסיעה, עס קומט לכתחילה אזוי מיט שוועריגקייטן און מלחמות אויפן וועג. פונקט ווי א סאלדאט ווערט נישט סאלדאט נאר נאכדעם וואס ער איז מנצח אין די מלחמה, נאר יעדע רגע פון ווען ער שרייבט זיך איין אין די מיליטער, ווען טרעגירט זיך, ווען ער פארט ארויס צו שלאכט, און אודאי ווען ער קעמפט, איז ער דאָך די גאנצע צייט א העלדישע סאלדאט, און דאס איז זיין גאנצע ציל און תכלית. דאס זעלבע איז מיט אונזער גאנצע הארעוואניע און פלאג וואס מיר גייען אדורך, די נסיונות און מכשולות וואס עס קומען מיט ווען מ'וויל טוען א גוטע זאך, דאס אלעס איז א חלק פונעם פעקעדזש, און דאס אלע איז נכלל אינעם רצון השי"ת עַל פִּי ה' יִסְעוּ וְעַל פִּי ה' יַחֲנוּ, און ממילא וואס איז דא מורא צו האבן פון ארײנשפרינגען? אז ס'וועט נישט געלונגען האסטו גארנישט דערלייגט, עס איז אלעס א חלק פון דיין עבודה! ווי עס איז מבואר אין ספרים באריכות.

דערמיט קומען מיר צוריק צו אונזער פרשה: די ראשי העדה לאזן זיך אין וועג אריין אויסצושפיאנירן דעם לאנד, אבער קומען צוריק מיט א באריכט אז בעצם איז טאקע דאס לאנד גוט און שיין, אבער וואס זאל מען טוען אז ס'איז כמעט נישט מעגליך צו באקעמפן די גרויסע און שטארקע ריזן דארט... דהיינו, זיי זענען נישט געווען גרייט פאר א מלחמה, און דעריבער איז די אנדערע אפציע פשוט צו בלייבן אין מדבר, געענדיגט מיט ארץ ישראל, זיי האבן אויפגעגעבן אויף אלעם, פשוט צוליב די פחד וואס ערווארט זיי מיט'ן ווען איינעמען די גרויסע און שטארקע מענטשן וואס וואוינען דארט. זיי האבן זיך געפירט מיט "שב ואל תעשה" ווערנדיג געפירט פון זייער פחד און שוועריגקייט וואס האט אוועקגענומען זייער קוראזש פון קענען ארײנשפרינגען און גיין ווייטער.

פון די צווייטע זייט טרעפן מיר יהושע און כלב וואס זיי זעהן נאר גוטס, ווייל די פחד פון די ריזן פארנעמט בכלל נישט קיין פלאץ, ביי זיי איז גאר קלאר אז כדאי זיך צו רוקן ווייטער און אנקומען צום ציל וועט מען דארפן אריבער גיין שוועריגקייטן, אדער על כל פנים זאכן וואס וועלן לכתחילה אויסזעהן שווער, און דאס איז אינגאנצן נישט קיין סיבה צוריק צו ציען און זיך אפלאזן פון אלעם. בפרט דא ווען מיר גייען דאָך מיט'ן ציווי השי"ת, עַל פִּי ה' יִסְעוּ וְעַל פִּי ה' יַחֲנוּ, **ווי מעג מען בכלל מאכן די חשבונות בנוגע שוועריגקייטן און שטרויכלונגען, זאל זיין וואס זאל זיין, מיר מוזן ארײנשפרינגען און ווייטער גיין און מיר וועלן זיכער מצליח זיין!** און דאס שרייען זיי אויס אַךְ בַּה' אַל תִּמְרֹדוּ וְאַתֶּם אַל תִּירְאוּ פארגעסט נישט וועלכע נסיעה דאס איז, ס'איז די נסיעה פון כלל ישראל, ס'איז די נסיעה פון פאָרן ווייטער און שטייגן און אנקומען קיין ארץ ישראל, איי די ריזן? דאס איז נישט אונזער דאגה און נישט א חלק פון אונזער אויפגאבע צו פירן די חשבונות, דאס באלאנגט פארן מלך העולם און מיר דארפן שפרינגן, מיר דארפן האבן אמתע קוראזש און זיך פארלאזן אויפן רצון ה', אויפן פלאן פון השי"ת, מיר פאָרן על פי ה'. און דאס זעלבע איז ווען משה רבינו רעדט צו כלל ישראל איידער זיי גייען אריין קיין ארץ ישראל, ער רעדט טאקע פון גרויסע און פעסטע שטעט וואס געפונען זיך דארט, אבער מיט א זיכערקייט און אנטשלאסנקייט, "לָבֹא לָרֶשֶׁת גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמֶּךָּ עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצֻרֹת בַּשָּׁמָיִם" איר גייט זיי בעזרת השי"ת איינעמען און מצליח זיין.

און דאס איז גאר שטארק נוגע פאר יעדן פון אונז לדורות עולם, יעדע נסיעה צו גיין פאָראויס און העכער אין לעבן, כמעט יעדע ריר, איז פארבינדן מיט שוועריגקייטן און מניעות, אבער ווען מיר דערהערן אז מיין נסיעה איז על פי ה' דארף דאס אונז געבן די גרעסטע און הייליגסטע קוראזש פון נישט מורא האבן, און נישט ווערן פארלוירן און צובראכן פון גארנישט. כ'וועל אדורכפאלן? עס וועט נישט גיין? דאס אלעס האט השי"ת געוואלט פון מיר, און איך הייב זיך אויף און גיי ווייטער, ווייל איך בין אויף א הייליגע רייזע פונעם ציווי השי"ת.

צו דער זעלבע צייט זאל זיך אבער נישט דאכטן אז קוראזש און שטארקייט איז טאקע אזא גרינגע זאך, אט דאס אליין פארלאנגט גאר אסאך כוחות און תפלה פון בעטן ביי אבינו שבשמים אז מיר זאלן חלילה זיך נישט פארלירן און קיינמאל נישט מאכן דעם החלטה נישט צו טוען, קיינמאל נישט דערשראקן ווערן פון פחד וכדומה. און דאס איז אונזער איינציגסטע און בעסטע עצה אלעמאל, אויפצוהייבן די הענט צום טאטן אין הימל און בעטן אז ער זאל אונז העלפן און געבן די כוחות, ווי מיר געפונען בפירוש אז טאקע דאס האט געהאלפן און געראטעוועט סיי יהושע בן נון און סיי כלב פון ווערן מיטגעשלעפט מיט די חטא המרגלים, ווי רש"י ברענגט פון חז"ל אויפן פסוק וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ, אז משה רבינו האט דעמאלטס מתפלל געווען אויף איהם און געבעטן "קָהּ יושיעך מעצת מרגלים", און די זעלבע שטייט ביי כלב וַיָּבֹא עַד חֶבְרוֹן, עס שטייט א לשון יחיד 'ויבא' עד חברון, ווייל כלב אליינס האט זיך אוועקגעכאפט, און ער איז געגאנגען מתפלל זיין און זיך משתטח אויף קברי אבות אין חברון און איינרייסן אז ער זאל נישט נאכגעשלעפט ווערן נאך די שלעכטע עצה פון זיינע חברים די מרגלים. לערנען מיר פון דעם א הוראה לדורות, אז דאס איז די עצה וואס מיר פארמאגן, דאווען און בעהט, זיי מתפלל אויף כוחות און שטארקייט פון הימל צו קענען אויספירן דיינע פלענער, צו קענען ממשיך זיין מיט דיין נסיעה און ווערן נענטער צו השי"ת.

אגב איז כדאי צו דערמאנען א דבר נפלא, הרה"ק רבי יצחק פון ווארקא זי"ע זאגט אויפן פסוק וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ, אז משה רבינו האט באמערקט ווי יהושע אליין שטייט און דאווענט און שרייט צום אייבישטער **"רבונו של עולם העלף מיר אז איך זאל נישט נכשל ווערן"** (ווי עס איז מרומז אין זיין נאמען הוֹשֵׁעַ - אז ער האט אליינס געבעטן אויף א ישועה פון הימל) און דעריבער האט איהם משה רבינו אויך צוגעהאלפן מיט זיינע תפלות, אז דער רבוש"ע זאל איהם באמת העלפן און ראטעווען אזוי ווי ער וויל, ווייל הבא ליטהר מסייעין אותו, אז ער דאווענט און בעהט אליין דאן העלפט מען איהם פון אויבן. אבער די אנדערע מרגלים זיי האבן נישט געבעטן פאר זיך, און דעריבער האט משה רבינו אויך נישט געבעטן פאר זיי.

טייערע חברים, וויפיל מאל אין לעבן שטייען מיר ביים שוועל פון מאכן א גוטע החלטה, זיך אונטערנעמען א געוויסע קבלה, אבער דער יצר קומט גלייך צו גיין מיט זיינע וועגן וואס ער האט צו קענען אפשוואכן און דערשרעקן דעם מענטש, נע ס'איז נישט פאר דיר, ביסט שוין אזא סארט סיי ווי, ביסט שוין אין דעם זעלבן אלטן מצב פאר אזא לאנגע צייט בלייב שוין דא, שפרינג נישט און מאך נישט, פון דיר וועט שוין גארנישט זיין... וויפיל מאל האבן מיר מורא וואס דער וועט זאגן אדער יענער וועט לאכן פון מיר אויב כ'וועל מאכן א טויש, און ווער זאגט ס'וועט אנהאלטן? אפשר וועל איך בלייבן א חוזק און פון מיין קבלה וועט גארנישט בלייבן. אלעס קען טאקע זיין! אבער פארדעם דארף מען האבן די אמת'ע קוראזש און איינשטעלן, יא, איך גיי פראבירן און איך האב נישט קיין מורא, עס זענען טאקע דא גרויסע ריזן און שווערע שטיינער, קיינער זאגט נישט אז ס'גייט נישט זיין קיין מלחמה, אבער מיט אסאך תפלה וועט מען זוכה זיין בעזר ה' צו באקומען הייליגע קוראזש און זיך נישט דערשרעקן...

און דאס זעלבע איז ווי באקאנט להבדיל אין גשמיות אויך, עס איז כמעט אוממעגליך צוצוקומען צו א שטארקע הצלחה אויב מ'איז נישט געווען גרייט איינצושטעלן און ארײנשפרינגן אין געוויסע זאכן. נאר, אויף סייעתא דשמיא קען מען אייביג בעטן, און אז מען דאווענט און מען האפט צו השי"ת קען מען בעזר ה' מצליח זיין אין יעדע זאך אין לעבן, און בפרט אז מ'לעבט מיט די ריכטיגע הכרה און אמונה אז השי"ת איז דער וואס פירט אונז אויף טריט און שריט און ער האט פאר אונז א פארטיגע פלאן.

עס האט דערציילט א יונגערמאן א מורא'דיגע מעשה מיט א געוואלדיגע לימוד וואס מ'דארף זיך אפלערנען דערפון. ער איז געווען א בחור וואס האט זיך גאר שטארק געמוטשעט מיטן לערנען ער איז ליידער געווען זייער א שוואכע בעל כשרון. סוף זמן איז פארגעקומען א גרויסן פארהער פאר די גאנצע ישיבה, און דער בחור האט זיך ארומגעדרייט פארלוירן. ווען ס'איז געקומען נאנט צום גרויסן מעמד פונעם פארהער האט ער געזאגט פאר זיין טאטן: "טאטי, איך וויל נישט גיין צום פארהער." דער טאטע האט אים פארשטאנען, און האט אים געזאגט, "פון מיין זייט איז עס בסדר אז דו גייסט נישט, מאך נאר זיכער אז ס'איז מסודר מיט די הנהלת הישיבה".

למעשה האט דער בחור מחליט געווען אז ער גייט יא צום פארהער, און ער וועט יא מיטהאלטן. אנקומענדיג צום פארהער, איז געווען א גרויסער מעמד, דער היכל איז אָנגעפילט מיט עלטערן, רבנים און אנשים חשובים. דער פארהערער האט אנגעפאנגען פרעגן די בחורים, און ער קומט אָן צו דעם בחור'ל און הייבט אָן פרעגן. ער פרעגט איין שאלה, און דער בחור ווייסט נישט צו ענטפערן. ער פרעגט נאך איין שאלה און נאך איינס, און דער בחור קען נישט, ווי שטארק ער זאל נאר וועלן. פארשטייט זיך אז דער מצב איז געווען זייער אומבאקוועם און די בזיונות זענען געווען גאר גרויס. פארשטייט זיך אז "כדי שלא לבייש" האט מען אים אויך געגעבן א תעודה אזוי ווי אלע בחורים אויף יוצא צו זיין, אבער ס'האט געהאט יענעם טעם, ער האט געפילט צוקלאפט און צובראכן פון זיין מצב און גאנץ גוט געוואוסט אז ער איז א 'דורכפאל' און ער האט באמת גארנישט געקענט.

ארויסקומענדיג פונעם פארהער מיט'ן תעודה אין די האנט מיט א טרויעריגן געמיט און אראפגעלאזטקייט, האט ער זיך פשוט געשעמט צו האלטן דעם תעודה. און פלוצלינג זאגט זיין טאטע, "אה! ביסטו געווען א נחת. כ'קען דיר נישט מסביר זיין וויפיל נחת איך האב געשעפט זעענדיג ווי דו זיצט ביים פארהער", דאס קינד האט זיך ווי פארשעמט, "טאטי, הער אויף", אבער דער טאטע האט ווייטער גערעדט ווי שטאלץ ער איז, און דאס קינד האט איינגעזען אז ער רעדט אמת'דיג פון הארץ. דער טאטע האט ערקלערט: **"יעדעס קינד האט זיך זיין נקודה וואס ברענגט אים צו זיין א מצויין. איין בחור איז א גרויסער חריף, א צווייטער קען גוט נאָכזאגן מיט בקיאות, און אזוי ווייטער. קינד מיינס, ביי מיר איז די היינטיגע פארהער געווען גאנץ עפעס אנדערש, עס איז געווען א פארהער פאר דיר צו זעהן אויב דו וועסט אנקומען צום מעמד אדער נישט, אויב דו וועסט באקומען קאלטע פיס אדער נישט! ס'איז געווען אין דיר א חלק וואס האט געוואלט נעלם ווערן, און ס'קען אפילו זיין אז דו וואלסט פארמיטן געוויסע בזיונות. אבער דיין יא אנקומען זאגט מיר אז דו האסט זיך געשטארקט, און דו פראבירסט מיין קינד, און צום סוף וועסטו אנקומען בעזר ה'..."**

דער יונגערמאן האט אויסגעפירט: "אין לעבן קומט אסאך מאל אזעלכע מצבים וואס איך שפיר אז איך וויל נעלם ווערן, ווען ס'איז גרינגער בכלל נישט אָנצוקומען אדער איגנאנצן נישט צו נעמען א חלק, אבער דעמאלטס קומט צו מיר מיין טאטע'ס ווערטער, און איך דערמאן זיך אז אמאל איז די תפקיד פשוט אנצוקומען און נישט צו אנטלויפן, די עצם זיך שטעלן צום פארהער און נישט מורא האבן, און איך קום טאקע צו גיין און איך נעם אחריות אויף וואס איך דארף".

טייערע ברידער און שוועסטער, די מעשה גיבט א סקרוך אין די ביינער. ווען מען שטעלט זיך אָפּ און מען געבט א טראכט אריין, מיר זענען געוואוינט צו רופן סוקסעס דער וואס האט מצליח געווען אין ביזנעס, אדער דער וואס האט מצליח געווען אנצוקומען צום גרויסן סיום און ענטפערן אויף יעדע שאלה שנעל און געשמאק וכדומה. אמת, מיר דארפן אלע האבן א ציל און שאיפות, אבער הצלחה ווענדט זיך נישט אין די רעזולטאטן, נאר אין די ארבעט וואס מיר לייגן אריין, די יגיעה וואס א מענטש מוטשעט זיך דאס איז זיין סוקסעס. דאס עצם אָנקומען און זאגן דעם 'הננו' איז שוין א געוואלדיגע עררייכונג, און אט דארט ליגט אונזער סוקסעס באהאלטן. ווען עס קומען שווערע מינוטן דארפן מיר זיך לערנען אז אוועקלויפן איז נישט קיין מהלך, ווייל דאס עצם מציאות אז מיר זענען גרייט צו קוקן דעם נסיון און דעם שוועריגקייט אין פנים אריין איז אונזער גרעסטע הצלחה, **סוקסעס ווערט נישט געמאָסטן לויט די רעזולטאטן – סוקסעס מעסט זיך לויט די ארבעט אונזערע, לויט וויפיל כוחות מיר לייגן אריין.**

און אז מיר דערהערן ביז אהער איז כדי אויסצושמועסן, אויב זאל איינער זאגן נו וואס איז אזוי געפערליך אויב זאל איך יא בלייבן מיט דעם שב ואל תעשה מהלך, פאר מיר איז יא גוט אזוי ווי ס'איז, איך זוך זיך נישט אנצושטרענגן מיט מאכן נייע החלטות און צו נעמען אחריות, ווער זאגט אז איך דארף שפרינגען. אט זאגט אונז די פסוק קלאר אז די מרגלים ווי נאר זיי זענען געווען אין דעם מצב, זיי קומען צוריק און זאגן פאר די אידן **"וַנְּהִי בְעֵינֵינוּ כַּחֲגָבִים וְכֵן הָיִינוּ בְּעֵינֵיהֶם"** אז מיר האבן זיך געפילט ווי היישעריק קעגן די גרויסע ריזן, און אזוי האבן מיר טאקע אויסגעקוקט אין זייער אויגן. און ווי באקאנט זאגט מען נאך פון צדיקים, ממילא די ערשטע חלק פון "וַנְּהִי בְעֵינֵינוּ כַּחֲגָבִים" דאס האבן זיי געקענט וויסן וואס זיי טראכטן אליינס ביי זיך, ווייל א מענטש קען דאָך זיינע אייגענע מחשבות, אבער דער "וְכֵן הָיִינוּ בְּעֵינֵיהֶם" וויאזוי די גויים טראכטן פון זיי, וויאזוי איז געווען מעגליך פאר די מרגלים צו וויסן די מחשבות פון די כנעניים. נאר דער תירוץ איז, **"אזויווי א מענטש קוקט זיך אָן, אזא פנים האט ער ביי יענעם אין די אויגן"**, ווען א מענטש טוט דאס ריכטיגע, ער שטעלט זיך אויף און שטארקט זיך, דעמאלטס ווערט ער בעצם שטארק, סיי ביי זיך און סיי ביי אנדערע. אבער אויב מ'בלייבט איינגעזינקן אויפן פלאץ און מ'רירט זיך נישט ווייטער, מ'מאכט זיך באקוועם אינעם שמאָלן קעסטל און מ'זוכט נישט מצליח צו זיין, דאן ווערט מען חלילה באמת א דורכפאל, נישט נאר ביי זיך, נאר אויך ביי יענעם, ווייל אונזער עבודה איז יא צו זיין שטארק און יא צו האבן קוראזש און שפרינגען אלס העכער און העכער, און טאמער נישט ווערט מען צום סוף ווי א קליינע נישטיגע היישעריק אראפגעקוקט ביי זיך און ביי יעדעם, וְכֵן הָיִינוּ בְּעֵינֵיהֶם. אזוי ווי עס האט פאסירט צו די מרגלים ווען זיי זענען געווארן אזוי איבערגענומען פון די מאכטפולע ריזן און פעלקער, אז זיי האבן פשוט פארגעסן ווער זיי זענען, און פארגעסן אז זיי האבן די כוחות, און אז השי"ת איז דער וואס פירט זיי און העלפט זיי.

און ווי אינטערעסאנט איז צו באמערקן אז ווי נאר יהושע און כלב האבן זיך אויפגעשטעלט זאגן זייערע רייד, האט די פאלק זיי געוואלט באשטיינערן, ווייל ווען די אמת'ע קוראזש איז ארויסגעקומען האט דאס אויפגעברויזט דעם צד שכנגד, און זיי האבן פראבירט דאס צוצושטערן מיט וואס נאר מעגליך, ווייל זיי האבן געזען אין דעם זייער גרעסטע שונא און התנגדות, ווען די אמת הייבט אָן ארויסצושיינען מיט די גאנצע שטארקייט. אבער דעמאלטס געשעט "וּכְבוֹד ה' נִרְאָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד אֶל כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל", ווען מ'האט די אמת'ע און הייליגע קוראזש און מ'טוט וואס איז ריכטיג, קומט השי"ת אליין צו הילף און באשיצט דעם מענטש פון אלע נסיונות און נפילות.

לסיכום געדענק:

- די גרעסטע דורכפאל איז טוען 'גארנישט' צוליב פחד פון דורכפאלן.
- די גרעסטע הצלחה איז איינער וואס 'פרובירט' מיט שטארקייט און זיכערקייט אויסצופירן זיינע שאיפות.

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com